Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 162 | Łódź, Środa, 13 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ט׳ תמוז תרצ״ב | № 162

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מ׳שלאגט יודישע סטודענטען

## אין די בערלינער הויכשולן זענען ווידער פארגעקומען בלוטיגע עקסצעסען געגען די יודישע סטודענטען

בערלין, 12. (ספ. טעל.)

אויפ׳ן בערלינער אוניווערזיטעט זענען היינט פארגעקומען ווייטערדיגע בלוטיגע עקסצעסען געגען די יודישע סטודענטען. די היטלעריש׳ע סטודענטען האבען בעשולדיגט די יודען, אז זיי יאגען ארויס די אקטיווע פון דער וואגד קעגען האקענקרייץ. פיל יודישע און לינקע סטודענטען זענען ערנסט פערוואונדעט געווארען. דער רעקטאר האט גע־שלאסען דעם אוניווערזיטעט.

אויך אויפ׳ן פאליטעכניקום זענען פארגעקומען ענהליכע עקסצעסען.

## מאקדאנאלד ערקלערט איז פארלאמענט וועגען די רעזולטאטען פון דער לאזאנער קאנפערענץ

לאנדאן, 12. (ספ. טעל.)

אויף דער היינטיגער זיצונג פון פארלאמענט האט מאקדאנאלד אפגעגעבען אן ערקלערונג וועגען דער לאזאנער קאנפערענץ, ער האט ערקלערט אז די רעזולטאטען פון דער קאנפערענץ קענען ברענגען צו בעזייטיגען די מניעות פון דער ענטוויקלונג פון ווירטשאפטליכען לעבען. ליידער קען מען אבער נישט וויסען וואס פאר א שטעלונג אמעריקע וועט אננעהמען צו קומען צו א הסכם מיט איהרע בעלי־חובות.

## דאס דייטשע אינערן־מיניסטריום האלט

### אז יודען דראהט נישט קיין שום געפאהר

בערלין, 12. (ספ. טעל.)

די „וואלף־אגענטור״ האט אפגעדרוקט א קאמוניקאט אז צוליב די ביזוויליגע ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור אז דאס לעבען פון די יודען אין דייטשלאנד איז בעדראהט, ער־קלערט דאס אינערן־מיניסטעריום אז די יודישע רעכט והרען געשיצט און עס דראהט זיי נישט קיין שום געפאהר.

## סאוופאלטארג איז פוילען

ווארשא, 12. (טעלעפאנ׳ש)).

דער „סאוופאלטארג״ אין פוילען האט פער־ברייטערט זיין ארבייט אין ווארשא, אין דער נאה־ענטסטער צייט וועט געעפענט ווערען אין ווארשא א צווייט סאוו׳עטיש געוועלב, דאס וועט זיין אן אוני־ווערסאלער מאגאזין, וואס וועט בעזיצען אלע אר־טיקלען, וואס מ׳ברענגט פון רוסלאנד.

## בערלינער באנק־דירעקטאר ווילי זייפערט



וועלכער האט פערשוואונדעט א קאלאסאלע סומע איז ארעסטירט געווארען אין פראג

## טעקסטיל־שטרייק אין ביאלי־סטאק געענדיגט

ביאליסטאק, 12. (טעלעפאניש)).

דער טעקסטיל־שטרייק אין ביאליסטאק איז היינט פערענדיגט געווארען


רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2־טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, בּיליצער, טאמאשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען־שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געפינט נאר

אין פראנט, II שטאק

א שותף

ווערט געזוכט, א פאכמאן

א בראנזשיסט צו א פולקאם איינגעארדענטע סוויטער־פאבריק מיט 2 רונד־מאשינען, גרויסע און קליינע מוסטערן מיט א קאפיטאל פון 4—6 טויזענד זלאטעס. צו ערפאהרען טעל. 179-84. 4275

יודען! אונטערשטיצט היינט דעם הילפס־פעראיין „נותן לחם״

וואס גיט ארויס הונדערטער אומזיסטע מיטאגען טעגליך פאר ארבייטסלאזע און פרנסה׳לאזע יודען און

קויפט אלע די היינטיגע אפצייכנונגען!

כשר! „BAR ROGOZIKA“, Zielona 11, Tel. 189-14 כשר!

מאכט בעקאנט, אז צוליב דעם פאלען פון די פרייזען פון געפליגעל זענען די פרייזען פון היינט רעדוצירט געווארען א מיטאג מיט געפליגעל צו 1.75 זל.

בעמערקונג: צוליב דעם צופרידענשטעלען פון די ג׳ נעסט האבען מיר אנגאזשירט דעם לאנגיעהריגען קוכמייסטער פון פיקאדילי. מיר עמפפעהלען די בעסטע און ענדבריטען צו קאנקורענץ־פרייזען. ערשטקלאסיגע און שנעלע בעדינונג. עס ווערט געבעטען די ג׳ געסט זיך צו איבערצייגען, ווער עס בלאפט.

אכטונג

מילנערס!

צוליב דעם גרויסען איבערפלוס פון

גענוצטע זעק

און הערשענדען קריזיס האבען מיר בעשלאסען זעלבע צו פערקויפען מיט

10% ביליגער.

בעמערקונג: וועגען דער ריכטיגקייט פון דעם ענין קען מען ערפאהרען אין קליינהענד־לער־פעראיין, פיאטריקאווער 6, פון 7—10 אווענד.


מיין ליבען פעטער

פנחס בוכוויץ

צום פדיון הבן פון זיין זונדעלע

פייוועל

א הארציגען מזל־טוב ווינשט

אפרים פלאקסער 4280

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין בליהענדען עלטער פון 20 יאהר מיין ליבער זוהן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער ברודער

# נ. ע. אברהם הערצמאן

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, ד. 13. יולי 1932, 1 א זייגער בייטאג פון ראדאגאשטשער שפיטאל, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע פאמיליע.

א הארציגען מזל־טוב ווינש איך די עלטערן ה׳

דוד פאצאגאווסקי און פרוי

צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן

זעליג

מיט פרל. בעלא לאסמאן

איך ווינש אייך איהר זאלט פון זיי דערלעבען פיל נחת און פרייד און דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען.

עקיבא גריגבוים

צייטונגס־פערשפרייטער 4260


ENGLISH

פאראנפענגער און פארט־געשריטענע. קאנווערסא־ציע, ליטעראטור

ערטיילט א פעהיגער פע־דאגאג. — אפערטען אין אדמיניסטר. פאר "Mir"

בעקאנטמאכונג.

מיר, פאשארניע־בעזיצער מאכען בעקאנט דער לאדזער בע־פעלקערונג, אז פעטע גענז מיט בלאמבעס פון היגער שחיטה פון לאדזער ראבינאט איז צו בעקומען אין די האלעס און אין די געוועלבער צו נארמאלע פרייזען.

מיט אכטונג

די לאדזער פאשארניע־בעזיצער. 4289


## מודעה מהראבינאט.

אזוי ווי נאך רשווערע מיה איז ב״ה געלונגען איינצופיהרען ארדענונג אין כשרות ביי די געשאכטענע גענז, הינער, קאטשקעס, אז מ׳זאל וויסען עס איז נאר כשר, וועלכעס האט א בלעכענע בלאמבע אויף די פולקע מיט דער אויפשריפט: „כשר לאדז אויפזיכט ראבינאט ועד הכשרות״, יעצט האט זיך ווידער פערשפרייט געשאכטענע עופות אהן בלעכענע בלאמבעס, זענען מיר שטרענג מזהיר, אז אהן בלעכענע בלאמבע איז נבלה וטרפה, און יע־דער יוד זאל אנזאגען מ׳זאל נישט קויפען אהן בלאמבע, ער זאל נישט נכשל ווערען אין עסען טרפות און די כלים ווערען טרפה. אז מען וועט שטרענג אפהיטען וועט מען זיין זיכער, אז מען עסט כשר.

לאדזער ראבינאט ועד הכשרות.

בעמערקונג: קיין שום קצב און גענזלער זאל נישט האבען אין זיין געוועלב עופות אהן בלאמבע, אין געגענפאל וועט מען מפרסם זיין, אז ביי איהם טאר מען נישט קויפען אלס כשר.

